# טעמו וראו

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

**הערליכע לערנבארע שמועסן**
**פון באריםטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א**

**◆גליון מ"ד – שבועות תש"פ◆**


## דער "תיקון" פון ליל שבועות

מיר ווען אריינגיין אין דעם מנהג ישראל תורה פון זיין אויף ביינאכט, פון תיקון ליל שבועות, וואס קומט דא פאר?

מ'וועט עס פראבירן צו נעמען אין קורצע, קלארע און תכלית'דיגע ווערטער. וואס האב איך שייכות מיט דעם, ווי אזוי פיר איך עס אויס מיט א חיות.

### *דער מקור פון זיין אויף שבועות ביינאכט*

דער ענין וואס אונז פראווען אפ דעם שבועות ביינאכט איז געבויעט פון א זוהר הקדוש, מיט א של"ה הקדוש וואס האט אויסגעשטעלט דעם סדר התיקון, וואס ער נעמט עס פון די מעשה פון בית יוסף מיטן מגיד. פון די 3 חלקים איז געבויעט די עבודת הלילה ביי כלל ישראל.

דער ערשטער שורש פון די נאכט איז דער הייליגער זוהר הקדוש (פרשת אמור דף צח עמ' ב.) דער הייליגער זוהר הקדוש רעדט דארט וועגן די נקודה פון ספירת העומר, אז דער יסוד איז, אזוי ווי א אשה מטהרת לבעלה האט כלל ישראל פון יציאת מצרים ביז מתן תורה זיך מטהר געווען צו קענען באקומען די תורה פון אויבערשטן,. און וספרה לה - געציילט די טעג. ממילא ווערט מען אין די טעג גערייניגט. מ'דערנענטערט זיך צום באשעפער ביז ווען מ'ווערט ראוי צו קבלת התורה.- ער רעדט דארטן זייער שטארק וועגן נישט פארפעלן א טאג, א איד וואס ער פארפעלט נישט קיין טאג ווערט באמת צוגעגרייט.

נאכדעם רעדט דער זוהר הקדוש די גרויסקייט פון לערנען די נאכט פון שבועות. אז ווער ס'לערנט די נאכט זענען ער מיט זיינע דורות זוכה צו די שתי עולמות - אויף ביידע וועלטן. איז די ערשטע נקודה און דער יסוד פון דעם נאכט איז אז דאס איז פאר אונז און אונזערע קינדער א ירושה אז אונז זאלן באמת זוכה זיין צו תורה.

### *שבועות ביינאכט גרייטן מיר צו די תכשיטי כלה*

שפעטער גייט דער זוהר הק' אריין אין נאך נקודה וואס רופט זיך תכשיטי כלה, ער ברענגט א משל פון א מטרוניתא וואס האט געהאט א טאכטער א כלה און זי האט איר באפוצט א גאנצע נאכט, און אנגעגרייט א שיינע קלייד, מיט די תכשיטי כלה וואס זאל זיין גרייט צום חתן, וואס דורכדעם וואס זי גייט אנגעטוהן די תכשיטים ווערט נתעורר די אהבה, דעם קשר, דאס ברענגט אז די חתונה זאל טאקע געראטן. איז ידוע אז די כ"ד ספרי קודש פון תנ"ך זענען די כ"ד תכשיטי כלה, און היות אונז זאגן דאך 'תואר כלה מאד נתעלה' - אונז זענען די כלה כביכול פאר די תורה, פאר הקב"ה. אורייתא קודשא בריך הוא וישראל חד. ס'ווערט איינס, ס'ווערט א ייחוד קודשא בריך הוא ושכינתי'. איז שבועות ביינאכט דורכן לערנען די כ"ד ספרי קודש פוצט מען אויס די כלה. און, ס'דא טאקע א גרויסע מחלוקת וואס צו זאגן, ווי אזוי צו זאגן, אין זוהר הקדוש איז דער לשון אז מ'לערנט תורה שבעל פה, און ידוע דער אר"י הקדוש האט געזאגט מ'זאל נישט זאגן תורה שבע"פ, ווייל דער עיקר איז די קישוטי כלה.

### *די שמחה אין אלע עולמות*

נאך א נקודה איז ידוע וואס דער של"ה הק' איז מבאר, א גרויסער ביאור אין די נקודה פון די גרויסקייט פון די נאכט. איך בין דאך ב"ה א תלמיד פון מיין רבי'ן הרב דושינסקי,זצ"ל מיינע אלע יארן אין ישיבה ערב שבועות איז געווען א גאנצער סדר וואס דער רבי ז"ל פלעגט אריינקומען און פארלערנען דעם של"ה וואס מ'גייט יעצט רעדן. ס'איז געווען א מורא'דיגע מורא'דיגע אוירה, ער פלעגט פאר לערנען שטיל רוהיג,. אלס איז געווען שטיל, און מ'האט געהערט ווארט ביי ווארט ווי ער לערנט פאר דעם של"ה. מיט דעם האט ער צוגעגרייט די גאנצע ישיבה, ישיבה קטנה מיט ישי"ג צום הייליגן יו"ט אפילו ווען ס'איז געווען שבת ערב שבועות, שבת נאכמיטאג זענען מיר אלע געזעצן און ער האט פארגעלערנט דעם שיעור, און דאס אלעס כדי די בחורים זאלן באמת אריינגיין צו דעם שבועות מיט אנדערע השגות, מיט א אנדערע ברען, מיט א אנדער געשמאק, וויסן וואס מ'פראוועט אפ די נאכט.

ער ברענגט אראפ די מעשה מיטן מגיד פון בית יוסף, אז זיי האבן געזעצן די ערשטע נאכט לערנען און א חלק תלמידים זענען געשלאפן, און א חלק האבן געלערנט, און סוף נאכט איז געקומען א מגיד מן השמים און געזאגט אז אשריכם וואס איר זענט געווען אויף ביינאכט, און די גרויסע שמחה אין הימל, און די וואס זיי זענען נישט געווען אויף די ערשטע נאכט האבן די צווייטע נאכט שוין יא געלערנט א גאנצע נאכט מיט א גרויסע חרדה, און ס'האט זיך ווידער איבערגעחזר'ט אז דער מגיד האט גערעדט מיט א גרעסערע חשיבות. - ווערט דארטן מבואר גרויסע און מבהיל'דיגע לשונות וואס א שמחה איז דא כביכול ביים אויבערשטן ווען א איד איז אויף ביינאכט און ער זיצט און לערנט.

### *סימנא טבא*

מ'קען מען זאגן נאך א שיינעם געדאנק אז אזוי ווי ראש השנה האבן חז"ל אונז געגעבן א מתנה א מנהג מדינא דגמרא, אז מ'מאכט סימנים טובים אנהויב יאר, כדי אז מ'זאל אונז אנשרייבן א זיס יאר. די זעלבע זאך ביי דעם גרויסער ראש השנה פון תורה, וואס מ'שרייבט אונז אויף זוכה זיינצו תורה, תורה שבכתב און תורה שבעל פה, ראש השנה פון אונזער חיבור להקב"ה אין חלק הרוחני. מאכט מען אויך דעם נאכט כל מיני גוטע סימנים, און אז מ'לערנט תורה איז מען זיך מחבר צו די תורה, ווערט מען פארשריבן צו תורה.

### *התחלה וסיום*

אז א איד, גרייט זיך צום שבועות, דארף ער וויסן אז ווען ער זעצט זיך אוועק שבועות ביי

נאכט און ער זאגט תיקון ליל שבועות, גאנץ תורה שבכתב, מאכט ער באמת א סיום. ווייל ער האט געלערנט דער אנהויב און דער סוף. דער מושג פון אנהויב און סוף ווערט געברענגט אין אסאך ספרים, אז למעשה ווערט דאס גערעכנט ווי מ'מאכט א סיום אויף חמישה חומשי תורה. אפילו אז מ'זאגט נישט די גאנצע, ס'האט א שטארקן הסבר על פי קבלה.

און די וואס זיי זאגן אויך משניות, מאכן זיי א סיום אויף גאנץ ש"ס. ששים סדרים. 60 מסכתות וואס איז מרומז אין דער ענין פון ששים גבורים סביב לה. אז מ'רעדט שוין פון דעם מושג, איז אינטערסאנט צו צולייגן אז דער הייליגער של"ה הק' און א צווייטן פלאץ זאגט אז אפילו א איד וואס ער קען נישט לערנען און ער וועט זאגן די אלע שמות פון אלע פרשיות, ס'איז א מורא'דיגע זאך, ער רעדט עס לגבי תורה, נישט לגבי שבועות. דער של"ה הק' קומט מיט א חידוש וואס ס'שטייט נישט ערגעץ אנדערש, אז א איד וואס וועט נאר זאגן די שמות פון די פרשיות, ווי גרויס און צו וואס פארא דביקות ער קען צוקומען. - דאס איז במאמר מוסגר ס'געהערט נישט צו שבועות ביינאכט. (אפשר איינער וואס איז אין שפיטאל שבועות ביינאכט און ער קען נישט זאגן דעם תיקון ליל שבועות קען ער ניצן דער חידוש פון של"ה הק' און זאגן די שמות פון די פרשה).

און למעשה א איד וואס זעצט זיך אוועק שבועות ביינאכט די ערשטע זאך איז ער זוכה פאר זיך און לדורות אחריו - אזוי ווי דער לשון זוהר הק' - א ירושה פון א חיבור צו די תורה אין ביידע עולמות. און די צווייטע זאך, ער גרייט זיך יעצט צו ער זאל זיין א כלה ראויה פאר די תורה. די דריטע זאך איז אזוי ווי מ'מאכט ראש השנה א סימן, איז עס במידה מסוימת א סימן טוב אויף א גאנץ יאר.

## "זאגן" תרי"ג מצוות שבועות

אלע ווייסן אז אין דעם הייליגן יו"ט שבועות ביינאכט, איז דא א גאנצע סדר פון "תיקון ליל שבועות" וואס דער של"ה הקדוש האט מסדר געווען. סוף דעם תיקון זאגט מען די תרי"ג מצוות, [און דרך אגב די וואס זאגן יוצרות איז אויך דא איינע פון די יוצרות אויף שבועות ביי מוסף וואס מ'זאגט דארטן אלע תרי"ג מצוות] ס'איז א דבר קדמון מאוד, אבער וואס איז דער יסוד פון דעם?

### דער ענין פון זאגן די תרי"ג מצוות

בפשטות איז דער ענין ס'איז דא אזא זאך מ'נעמט זיך אונטער, מ'איז מקבל די תורה, מ'איז מקבל די מצוות, ס'איז אזא הכנה צו קבלת התורה, צו לערנען די תרי"ג מצוות וואס שטייט אין די תורה. אבער ס'דא נאך אפאר טרעפלעך וואס מ'וואלט געמעגט אביסל צונעמען, ס'דא א חלק וואס רופט זיך ידיעת המצוות - וויסן די תרי"ג מצוות, אזוי ווי ס'איז דא ידיעת התורה און יגיעת התורה איז אויך דא ידיעת המצוות, איך ווייס וואס איך בין זיך מקבל. אז איינער זאגט דאס אזוי ווי עפעס א לחש ווייל ער דארף זאגן די ווערטער און ער איז זיך נישט מקבל די תרי"ג מצוות, זאגט ער טאקע, אבער ער איז נישט מחובר צו די מטרה צו וואס מ'זאגט די תרי"ג מצוות, ס'פעלט דער עיקר ענין פונעם זאגן.

### תרי"ג מצוות בפועל

נאכ'ן מקבל זיין די תרי"ג מצוות איז דא נאך א זאך, די קבלת עול פון קיום המצווה, און יעדע מצוה האט אויך די טעמי המצוה, רוב מצוות קען נישט יעדער מקיים זיין, אבער ביי רוב מצוות קען ער לפחות מקיים זיין דעם טעם פון די מצוה, צום ביישפיל, שמיטה און יובל ווי מ'האט שוין גערעדט, אז די מטרה איז אז א מענטש זאל אויפגעבן זיינע כוחות צום באשעפער, אויפגעבן אז כאילו ער פירט די וועלט, און אויסרופן אז דער באשעפער פירט די וועלט, מען קען דאס מקיים זיין דורך מצות שבת א.ד.ג.. - יעדע מצוה האט זיין טעם, אסאך מצוות איז דא בין אדם לחבירו, און ס'דא מצוות וואס א מענטש טוהט מיט געלט, וואס איז נישט בין אדם לחבירו, למשל אזוי ווי תרומות ומעשרות, די מצוה איז אז מ'גיבט דאס טאקע פארן ארעמאן, אבער די מטרה איז מ'זאל אויסרופן אז די פעלד איז נישט מיינע און אז דער אויבערשטער איז דער בעה"ב. ביי די מצוות איז אפילו איך האב נישט קיין פעלד קען איך עס אבער מקיים זיין אויף מיינע געלט. ס'דא גענוג אופנים ווי אזוי מ'זאל קענען מקיים זיין טעמי המצוות, דאס איז דער ענין פון אמירת תרי"ג מצוות.

### כי מתאמצת היא ללכת - א סימן אויף קבלת עול

אבער די מציאות איז אז נאך שבועות געדענקען אונז נישט די אלע תרי"ג מצוות אויסנווייניג פון עס איינמאל זאגן, און ס'איז טאקע שווער נאך שבועות דאס צו געדענקען. - נאר דא איז דא א גרויסע יסוד אין שבועות וואס אונז האבן אין מגילת רות וואס דאס וועט זיך אנטרעפן אין זייער אסאך זאכן אין קבלת התורה וואס מיר זענען מקבל שבועות.

למעשה מ'האט א התחדשות אין שבועות, מ'נעמט זיך אונטער קבלות א.א.וו. און ס'קומט אויף צו מארגן שטייט מען די זעלבע זאך ווי פאר א יאר, פארוואס איז נישט דא די התחדשות, פארוואס לערנט זיך נישט מיט א זיסן געשמאק.

ס'איז ידוע אין מגילת רות טרעפט מען א פסוק *(רות א יח)* "ותרא כי מתאמצת היא ללכת" - זי האט געזעהן אז ס'איז איר שווער האט זי געוואוסט אה! זי האט זיך מגייר געווען! ווייל 'גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה' *(ב"ק לח.)*, ווען אונז זענען זיך מקבל עול מצוות איז נישט דער פשט אז מכאן ואילך יערב לכם און ס'וועט זיך גיין גרינגער, נאר פונקט פארקערט איינע פון די סימנים פון די אמת'ע קבלת עול מצוות איז אז ס'ווערט נישט גרינגער ס'ווערט שווערער, זאלסט זיך נישט דערשרעקן ווען ס'ווערט שווערער, ווייל דער ווערן שווערער איז גאר א סימן אז ב"ה אונז האבן נעכטן געהאט א געשמאקע קבלת התורה און יעצט האט מען א גרעסערע יצה"ר וואס לאזט נישט לערנען, וואס ער לאזט נישט מקיים זיין.

### זאגן תרי"ג מצוות לאנגזאם - זיך נישט דערשרעקן פון שווערקייט

וואס עס קומט ארויס למעשה, אז בשעת ווען מ'זאגט די תרי"ג מצוות זאל מען זאגן אביסל במתינות, ווייל ס'איז נישט קיין ענין פון עשרת בני המן וואס מ'דארף עס זאגן בנשימה אחת, מ'איז טאקע מקבל אלע מצוות כאיש אחד בלב אחד, אבער ס'דארף נישט זיין באמירה אחת, מ'זאגט א ווארט נאך א ווארט געשמאק און זיך משתדל זיין עכ"פ פארשטיין יעדער מצוה וואס מ'זאגט, און בשמחה מקבל זיין קבלת עול מצוות, און אז מ'וועט דאס מקבל זיין וועלן מיר בעזר השם זוכה זיין ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

אזוי אויך ווערט קלאר אז ווען א איד שפירט אז ס'איז אים שווער, ס'גייט נישט, איז דאס נישט קיין סימן אויף עפעס א פגם אין קבלת עול, נאר פארקערט א ראיה אז ער האט מקבל געווען די תורה אז ער איז א מצווה ועושה, וואס איז פול שווערער.

## שבועות פאר יעדן איד

### שבועות - נאר לימוד התורה?!

ס'פרעגט זיך אבער א מורא'דיגע און א שווערע שאלה, באמת איז שבועות א ראש השנה פון מתן תורה, און די תורה איז געבויעט פון אפאר חלקים, ס'דא ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים, ס'דא טאקע די לימוד התורה אבער לימוד התורה האט זייער אסאך חלקים, א איד וואס וועט לערנען אבער ער וועט נישט מקיים זיין, ער וועט נישט לערנען על מנת צו מקיים זיין פעלט איהם אין די מתן תורה. און נאך מער, שבועות איז דאך קבלת התורה נישט נאר פון לערנען מיט עמלות בתורה, נאר ס'איז א התחדשות אויף כיבוד אב ואם, מיט שמירת המצוות, מיט מזוזה, מיט שבת, מיט אלעס, ס'דאך א התחדשות פון קבלת עול תורה

ומצוות, ס'איז דאך א נייע וועלט, ס'האט נישט נאר מיט שעות רצופות מיטן לערנען א גאנצע נאכט, מיטן זאגן תרי"ג מצות, ס'איז אסאך ברייטער.

נאך מער רוב אידן וואס וועלן שטייען ארום דעם בארג סיני דעם שבועות געהערן אפילו נישט אזוי פיל צו דעם ענין פון לימוד התורה, פופציג פראצענט פון כלל ישראל זענען נשים, זיי האבן עפעס עמלות התורה? יגיעת התורה? זיי האבן מיט התמדת התורה? מיט עיון, בקיאות, ידיעה, ס'געהערט נישט צו זיי כמעט - א ודאי זיי האבן א שכר וועגן זייערע מענער, אבער מ'רעדט דא יעצט וואס איז די מושג פון זייערע קבלת התורה - די זעלבע זאך קינדער, עלטערע מענטשן, בעלי בתים, וואס זיי קומען נישט צו צו די דרגא וואס מ'רעדט אזוי שטארק אין אלע בתי מדרשים אין די נושא פון לימוד התורה, וואו זענען זיי?. - איך וועל פרעגן אסאך א געשמאקערע שאלה, א איד וואס האט צעהן טעכטער אין שטוב, א ווייב מיט צעהן טעכטער, ער קומט אהיים שבועות פון דאווענען, וואס פארקויפט ער פאר די ווייב מיט די קינדער, וואס האבן זיי מיט קבלת התורה, זיי זענען נישט געוועהן אויף א גאנצע נאכט, זיי האבן נישט געזאגט תיקון ליל שבועות און זיי גייען אויך נישט לערנען א גאנצע יאר תורה, וואס האבן זיי מיט מתן תורה?

### *נאנטקייט און געטריישאפט*

מ'וועט עס אראפ ברענגען אין איין ווארט געשמאק - 'בפיך ובלבבך לעשותו' ווי מ'רופט דאס - ס'איז א פשוט'ע זאך, און מיר וועלן קודם מסביר זיין וואס דאס איז א בר מצוה און א בת מצוה. א קינד וואס ווערט בר מצוה ווייסט מען ער איז געווארן א גדול ער האט שוין אן אייגענע אחריות, ער האט שוין דעת, מ'זאגט איהם דו ביסט א בר עונשין, דו באקומסט שכר ועונש, דו ביסט געווארן א גדול. אבער טיפער ליגט דא אינגאנצן אן אנדערע נקודה, ס'איז א נקודה פון זיך פרייען אז מ'ווערט א משרת פארן אויבערשטן, 'ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש' א משרת ווי מ'רופט עס אין יעדע חסידות - דער הויפט גבאי, דער גבאי פון רבי'ן וואס גייט אריין לפני ולפנים, וואס קען אנקומען ווייטער ווי סתם איינער, ער איז א נאנטער מענטש צום רבי'ן, ער באדינט איהם, ער איז דער יוצא ונכנס, ער האט איהם אינזינען. יעדער אדם גדול האט זיך זיין נענטסטער מענטש וואס מיט איהם האנדלט ער, ס'איז א גרויסע זכיה וואס יעדער איינער שפירט הלואי זאל איך האבן אזא זכיה, איז דאס איז די ערשטע טריט אריין אין עול המצוות, א יונגל ווערט בר מצוה, א מיידל ווערט בת מצוה, דער אויבערשטער איז בוחר: דו זאלסט זיין פאר מיר א כהן, דו גייסט זיין פאר מיר א משרת, נישט נאר אין לימוד התורה, נאר די קיום מצות התורה מיט די אלע זאכן, דו ווערסט א חלק ביי מיר אין שטוב.

אבער ס'בלייבט נישט ביי דעם, ס'דא אסאך א גרעסערע מדריגה. מיר טרעפן אין תנ"ך ווערן כלל ישראל אנגערופן מיט פיר נעמען, ס'דא א פלאץ וואס שטייט אחותי, בתי, אמי, אבער די העכסטע איז אין שיר השירים ווי מ'רופט אָן כנסת ישראל: רעייתי. א ווייב צו א מאן איז נישט נאר א משרת, זי טוהט אלעס פארן מאן, זי איז א חלק פון דעם מאן, זי ווערט איינס מיטן מאן. כלל ישראל בשעת מתן תורה ווערט איינס מיטן באשעפער.

### *שבועות האט שייכות מיט יעדן איד*

ממילא וועט מען זייער גוט פארשטיין, מתן תורה איז א בר מצוה מיט א בת מצוה, דאס הייסט, יעדער איד און יעדע אידענע, יעדער יונגל, יעדער ארבעטאר דארף וויסן, נישט נאר מ'האט באקומען יעצט א תורה מיט חוקים, מיר האבן באקומען א דביקות, מיר זענען געווארן איינס מיטן באשעפער, מיט דעם וואס אונז טוהן זיינע ציוויים זענען אונז איינס מיט איהם, און דאס איז די הגדרה פון וואס אונז רעדן יעצט די מינוט, אז יעדער מיידל און יעדער מאמע און יעדער פרוי זאל וויסן אז זי האט יא שייכות, יעדער בעה"ב האט יא שייכות צו די מתן תורה, נישט נאר צו די חלק פון לימוד התורה, נאר די קיום התורה וואס מ'איז געווארן נישט נאר א משרת, נאר מ'איז געווארן א חלק פון באשעפער אליין.

## שבועות ביים רבי'ן

מיר שטייען יעצט ערב שבועות, יעדער איינער גרייט זיך צו פארן צו זיין רבי'ן, אלע ווייסן אז מ'פארט צו א רבי אויף שבועות, אויף יו"ט, אבער מיר דארפן מסביר זיין וואס איז די נקודה אין איין ווארט און בקיצור.

### *ר'אש ב'ני י'שראל*

אזוי ווי ס'איז ידוע פון היילגן בעל שם טוב ותלמידיו אז ראש השנה פארט מען צו א רבי'ן, היות אזוי ווי די קאפ איז די כח הכללי פון די גאנצע קומה פון א מענטש, די זעלבע זאך די קאפ פון דעם יאר, ראש השנה איז די כח הכללי פון די גאנצע יאר. און אזוי ווי סאיז דא אזא זאך אין 'זמן', ראש השנה וואס איז דער קאפ אין צייט, איז דא אין 'נפש' אויך א קאפ, וואס דאס איז א רבי, רבי איז ראשי תיבות ר'אש ב'ני י'שראל, ער איז אזוי ווי א קאפ פון אידן, כדי באמת ארייננשיינען אין דעם ראש השנה און באקומען פון די ראש השנה די אמת'ע נקודה פארט מען ראש השנה צו א רבי, און מ'באקומט די שפע אין דעם כח פון די קאפ.

### *דער משפיע מיטן מקבל זענען א קומה שלימה*

אבער נישט נאר מ'קומט נעמען פון א רבי'ן. אזוי ווי אתפשטותא דמשה בכל דור ודור *(תקו"ז סט)* און דאס איז א כח פון א רבי, און ס'איז ידוע די ווערטער פון רש"י אין כי תשא, אז ס'געוועהן נאך ווען כלל ישראל האט געטוהן דעם חטא העגל, שטייט דארט אין פסוק *(שמות לב ז)* כביכול הקב"ה זאגט פאר משה רבינו 'לך רד כי שיחת עמך', ברענגט רש"י וואס די גמ' זאגט *(ברכות לב.)* 'רד מגדולתך, כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל, ועכשיו שישראל חטאו אתה למה לי', דער אויבערשטער זאגט פאר משה רבינו, א ודאי משה רבינו איז די גרעסטע דרגא פון כלל ישראל אבער דיין כח מוז גיין נאר מיט די כח פון כלל ישראל, אז ס'איז נישט דא קיין כלל ישראל איז נישט דא קיין כח פון א רבי, אז מ'קומט צו א רבי איז נישט דער טייטש אז נאר די רבי איז משפיע, די רבי אָן די תלמידים האט נישט דעם כח אזוי ווי רש"י איז מבאר.

קומט אויס אז ס'איז דא צוויי פעולות ווען מ'פארט צו א רבי, סיי מ'גייט טאקע מקבל זיין פון דעם כח פונעם ראש, און דאס איז טייטש אז די קומה שלימה דארף באקומען פון די מוח וואס איז די ראש, און פון צווייטן זייט די גאנצע קומה שלימה גיבט כח פארן ראש, ווייל א ראש קען נישט לעבן אהן א גוף, אזוי ווי מ'פארשטייט אז ווען מ'האקט אפ די קאפ פונעם גוף שטארבט די גוף, אבער דער קאפ שטארבט מיט צוזאמען, וואס דאס טייטש די קאפ קען נישט לעבן, די מוח קען נישט אהן די קומה שלימה. - איז כביכול הקב"ה זאגט פאר משה רבינו אז ס'וועט נישט זיין קיין קומה פון כלל ישראל איז נישטא קיין ראש.

### *התקשרות פון דערווייטנ'ס*

ממילא וואס דארף טוהן א איד וואס ער איז נישט געפארן צו א רבי'ן, ער האט געוואלט פארן, - א איד וואס ער ווייסט נעבעך נישט וואס הייסט א רבי ווי שטארק איז די ענין פון התקשרות איז דאך אינגאנצן ווייט פון דעם ענין - דארף ער צום ערשט וויסן, אז 'ישראל' איז ראשי תיבות 'יש שישים ריבוא אותיות לתורה', א איד איז א אות אין די תורה, ס'איז יעצט מתן תורה אונז פראוועגען דעמאלטס גרויסע זאכן וואו מען איז, אבער דאך, א חסידישער איד וואס ער ווייסט יא פון א זאך פון א רבי און ער קען נישט פארן, ער געפינט זיך ערגעץ אין א שפיטאל אין עק וועלט, האט אונז דער בעל שם טוב אויסגעלערנט א יסוד אין אמונה און ער האט דאס געוויזן אמאל פאר א תלמיד, האט ער געזאגט א יסוד אז 'במקום שמחשבתו של אדם - אז וואו די מענטש טראכט, שם הוא - דארט איז ער', ער האט אמאל גענומען א תלמיד און ער האט געוויזן א איד וואס איז געוועהן אין כעס ווי אין מחשבה הארגעגט ער א מענטש ר"ל, איי ער האט איהם דאך נישט געהארגעט?! נאר אזוי ווי במחשבה האט ער יענעם געוואלט הארגענען האט ער איהם געוויזן בפנימיות ווי די מחשבות איז גורם צו גאר אסאך זאכן.

אבער א יעדער איד דארף וויסן אז ס'נישט שייך אנדערש, מ'באקומט נישט די תורה סתם אזוי, אזוי ווי ביי מתן תורה איז געוועהן משה רבינו, דארף יעדער איד וואס לערנט תורה האבן א נקודת רבי, רוב מענטשן אפילו אויף די וועלט ווייסן נישט ווער איז זייער שורש נשמה, צו וועמען זיי דארפן זיין צוגעטשעפעט, אבער דאס איז קלאר אז מ'באקומט גארנישט אליין.

אינטערסאנט אז אפילו אין די ליטווישע וועלט, איז אויך דא א שטארקע זאך אז מ'פארט אין ישיבה, עלטערע אידן פארן צו די ישיבה, זיי זענען מקושר צו זייער ביהמ"ד. דאס איז אויכט דער געדאנק, אז יוצאים פון כל מיני ישיבות זענען זיך מאחד, ווייל זיי זענען זיך מאחד מיט זייער שורש התורה, יעדער איינער מיט זיין נקודות התורה, אז מ'איז מחובר צום גוף, לעבט די קומה שלימה, די גאנצע גוף.

הנוגע למעשה א איד זאל וויסן, ס'קומט א הייליגע יו"ט שבועות, דאס וואס מ'פארט און מ'איז מקושר צו א רבי'ן, איז נישט קיין דברים של מה בכך, ס'איז פונקט ווי ראש השנה, יעצט איז ראש השנה פון מתן תורה, ווי עס איז באקאנט האט דער רבי ר' ברוך'ל פון מעזיבוז זיע"א אמאל שבועות זיך אנגערופן 'נו מילא ראש השנה איז אבולקע אראפ א בולקע ארויף, אבער שבועות איז דאך ראש השנה אויף תורה'...און ראש השנה איז ראש, ראש איז די טייטש די קאפ, די מוח פון תורה, און די מוח פון קומה דאס איז א רבי, דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן טאקע באמת זוכה זיין סיי צו באקומען די תורה, און סיי צו זיין מקושר יעדער איינער צו זיין צדיק, צו זיין נקודה, צו זיין ראש, מ'זאל זוכה זיין צו קבלת התורה בשמחה בשלימות.

# יעדער איד האט א שייכות צו די תורה

### וויאזוי האט א בעה"ב שייכות מיט די תורה א גאנצן טאג

אמאל שטעלט מיר אפ איינער אין ביהמ"ד און ער זאגט מיר: דוד! דו זיצט און לערנסט, דו זיצט יעדן טאג אפאר שעה אין כולל, איך בין א בעה"ב, וואס האב איך מיט קבלת התורה? מיט מתן תורה?.

און נאך קלאהרער. אודאי האב איך מיט קבלת התורה איך בין זייער מקושר צו די תורה איך בין מקיים מצוות התורה, אבער ווי האב איך מיט תורה פיר און צוואנציג שעה. איך בין דבוק אין תורה פיר און צוואנציג שעה?! - ס'איז דא א הלכה אין שו"ע אז א איד זאגט אינדערפרי ברכת התורה, און ער איז געגאנגען דערנאך אפאר שעה ארבעטן ביז ביינאכט, דארף ער נישט זאגן נאכאמאל ברכת התורה, פארוואס, זענען מסביר די מפרשים, ווייל א מענטש מצידו איז א גאנצן טאג דבוק אין תורה און ער איז נישט מסיח דעת, דער כלל ביי יעדע ברכת המצוות איז אז אויב מ'איז נישט מסיח דעת מאכט מען נישט איבער די ברכה, למשל א שוחט קען מאכן א ברכה אינדערפרי, און כל זמן ער האט נישט מסיח דעת געוועהן מאכט ער נישט נאך א ברכה, און אזוי אויך לגבי תפילין אז מ'טוהט אויס אביסל די תפילין און מ'וויל דאס נאכאמאל אנטוהן מאכט מען נישט נאך א ברכה ווייל מ'איז מקושר - אבער זאג מיר דעם אמת, ווי בין איך א גאנצע טאג מקושר צו די תורה? איך בין מקושר צו די געלט צו די ביזנעס איך בין נישט מקושר צו די תורה?!

### דביקות צו תורה

האב איך איהם געענטפערט זייער א פשוט'ע תשובה, און מ'מוז דאס וויסן, די ערשטע זאך פאר אלעס איז, אז דער יסוד פון לימוד התורה איז ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים, א איד וואס וועט לערנען תורה שלא על מנת לקיים איז דאס נישט לימוד התורה, און דער 'לקיים' איז פאראהאן ביי א מענטשן יעדע מינוט, במחשבה דיבור ומעשה, למשל ביי די ארבעט, אמאל איז דא א 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', אמאל איז דאס נישט גנב'ענען, נישט אפנארן יענעם, טראכטן גלייך, טראכטן ווי די תורה הייסט טראכטן, האנדלן מיט א ישרות, למשל אז איינער איז א לויער אדער א רואה חשבון, זיך פירן בנאמנות צו א קליענט, צו א מענטש וואס קומט צו דיר, דאס איז א תורה'דיגע בליק, און דאס הייסט זיך געפירט על פי תורה. נישט נאר גיין מיט א קאפל, ציצית און פיאות, נאר די גאנצע התנהגות אין די ארבעט און אלע זאכן זאל זיך פירן תורה'דיג. דאס איז דביקות אין תורה.

### קביעות עיתים לתורה

די ערשטע זאך דארפסטו האבן א קביעות עתים לתורה, ווייל א איד וואס האט נישט קיין קביעות עתים לתורה איז זייער א חשובער איד, אבער ס'פעלט איהם א אבר שהנשמה תלויה בו, ער איז ממש בבחינת בעל מום. א איד דארף האבן קביעות עתים לתורה. די גמרא לערנט דאך ארויס פון פסוק 'והגית בו יומם ולילה' אז ס'איז מעכב - ס'זענען דא צוויי מאן דאומרים אין די גמרא צו מ'זאל זאגן פאר א עם הארץ אז קרי"ש איז א בגדר פון לימוד התורה אדער נישט, אבער ס'איז קלאר אז 'והגית בו יומם ולילה' איז א יסוד פון א איד - און ווען א איד האט דאס נישט איז ער בבחינת בעל מום, ער איז טאקע א איד אבער - דער אויבערשטער זאל אפהיטן - א מענטש לעבט אויף די וועלט און ס'פעלט איהם ר"ל א אבר א פוס אדער א האנט, ער לעבט, אבער קיינער איז איהם נישט מקנא, און ער דארף ארבעטן אויף זיך צו זיין צופרידן אזוי ווייל ער איז זיך אליין אויך נישט מקנא, א איד דארף וויסן אז אויב ס'פעלט איהם א קביעות עתים פעלט איהם.

### מועט המחזיק את המרובה

אבער א איד וואס איז קובע עתים לתורה למשל ער לערנט יעדן טאג חק לישראל צו דף היומי, צו דף הקהילה,און ס'איז חוק ולא יעבור, שטייט אין פלא יועץ אז ווען ער וועט ארויף קומען אויבן אין הימל וועט ער באקומען שכר אזוי א האלבע טאג לערנען, ווייל 'כל קבוע כמחצה על מחצה' - ס'איז א סוגיא אין אסאך פלעצער אין ש"ס אז יעדע זאך וואס איז א קביעות'דיגע ווערט גערעכנט אזוי ווי האלב אויף האלב.

און נאכמער דארף מען וויסן אז די קביעות עתים איז מגלה אויף זיין גאנצע טאג. - ס'דא א יסוד אין טהרה, אחוז במקצת אחוז בכולו, ווען איינער וויל שלעפן א גרויסע זאק האלט ער צו די גאנצע זאק? ניין! ער כאפט אהן א הענטל, און מיט די הענטל פירט ער די גאנצע זאק. די זעלבע זאך דארף א איד זיך אנכאפן אין די תורה, די טאג זאל האבן א הענטל וואס מיט דעם האלט ער זיך צו אין די תורה, מיט דעם הענטל האלט ער צו דעם גאנצן טאג מיט די תורה. אחוז במקצת אחוז בכולו.

### די אייגענע קבלת התורה

יעדער איד דארף וויסן ווען ער גרייט זיך צו קבלת התורה, אז כדי צו האבן שייכות מיט די תורה א גאנצן טאג, איז מען מקבל אויף זיך קביעות עתים לתורה, עפעס לערנען, און דער לערנען וועט מגלה זיין אויף די גאנצע טאג אז איך האב שייכות צו תורה, איך האב שייכות צו קיום התורה, איך פיר זיך ווי די תורה, ווען איך ווייס נישט פרעג איך א רב, א דעת תורה. איך האב אויכט שייכות צו תורה, איך בין אויכט א חתן ביי די חתונה פון דעם גרויסן יו"ט, אפי' איך האב נישט די זכיה צו לערנען א גאנצע טאג.

און אזוי אויכט זאל מען זיך מקבל זיין אז די תורה זאל זיין 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים' - וואס איך לערן וועל איך בעזה"ה מקיים זיין, ווי די הייליגער רמב"ן שרייבט אין אגרת הרמב"ן 'וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו' - ווען דו שטייסט אויף פון א ספר זוך וואס קומט דיר ארויס למעשה, וויאזוי קענסטו דאס מקיים זיין.

### א האלבע שעה הלכות שבת מיט בילדער...

כ'וועל ברענגען א שיינע מעשה פון אן ארבעטער - א יונגערמאן פון בית שמש, וואס ער איז א בתים מאכער, דער איד ארבעט פון אינדערפרי ביז ביינאכט ער האט נאר אביסל צייט צו אראפ גנב'נען צו לערנען. און מעשה שהיה כך היה, איין טאג איז נישט אנגעקומען די סחורה דארט וואו ער מאכט די בתים האט

ער געהאט א טאג צייט ליידיג, עפעס א פארמיטאג, איז ער אריין אין א כולל נעבן די ארבעט, און היות ער איז נישט אזא גרויסע תלמיד חכם, און אפילו אלץ בחור האט ער אויך נישט געהאט א מסגרת פון א ישיבה, אבער זייער א תמימישער און א חשוב'ער יונגערמאן, ער גלייבט אין תורה, איז ער צוגעגאנגען צו א צוויי יונגעלייט וואס זיצן בחברותא און ער זאגט זיי: טוהט מיר א טובה אפשר לערנט איך מיט מיר אביסל תורה. זאגן זיי איהם: ווילסט לערנען וואס אונז לערנען? זאגט ער, יא! און זיי האבן געלערנט מיט איהם א האלבע שעה. נאך א האלבע שעה האבן זיי איהם געזאגט: שוין, מיר האבן געלערנט מיט דיר, יעצט דו לערן אליין. האט ער גענומען א ספר פון הלכות שבת מיט בילדער, און ער האט אנגעהויבן באטראכטן די בילדער. די צוויי יונגעלייט האבן זייער מזלזל געווען אין איהם, און געטראכט צו זיך: קוק וואס א דרגא ביסטו, קוקסט בילדער פון הלכות שבת. אבער דערווייל האט ער געזעהן אן אינטערסאנטע זאך, איין יונגערמאן איז געגאנגען נעמען א קאווע, דער צווייטער איז געגאנגען אביסל רעדן, און אזוי האבן זיי פארברענט א האלבע שעה. נאך א האלבע שעה ווען זיי זענען שוין צוריק געקומען, האט ער שוין געהאט אפגעלערנט א האלבע ספר. זיי האבן טאקע געשמייכלט, אבער באמת אין יענע האלבע שעה וואס זיי זענען ארויס מיט גארנישט האט דער איד געלערנט הלכות שבת - מיט בילדער טאקע - אבער ער האט אנגעיאגט א האלבע ספר הלכה למעשה, ער האט עפעס געטוהן די האלבע שעה, און זיי האבן בפועל ממש געמאכט א קאווע און גערעדט.

וואס קומט דא ארויס? ער וואלט געקענט ווערן צובראכן אז מ'לאכט פון איהם, ער איז אבער ארויס נישט נאר נישט צובראכן, נאר פריילך, איך בין ארויס מיט א האלבע שעה לערנען הלכות שבת, און זיי - וואס האבן געלאכט פון מיר - זענען ארויס מיט א האלבע שעה טרינקען קאווע און רעדן.

דער יונגערמאן האט מיר דערציילט שפעטער מיט פרייד: איך האב היינט אנגעיאגט סיי א האלבע שעה וואס די צוויי יונגעלייט האבן געלערנט מיט מיר, און איך האב אויך אנגעיאגט א האלבע ספר מיט בילדער פון הלכות שבת, איך האב געלערנט א גרויסע חלק פון הלכות שבת. דאס איז א איד וואס איז א ארבעטער - און א פשוטע ארבעטער וואס ער קען נישט אליין לערנען א שטיקל גמרא - אבער ער איז דבוק אין תורה. דער איד וועט ארויפקומען אויבן אין הימל וועט מען איהם זאגן: דו, באמת וואלסט געוואלט קוקן א גאנצע טאג בילדער פון הלכות שבת און לערנען הלכות שבת, און די ראיה צו דעם אז ווען דו האסט געהאט צייט, ס'איז נישט געקומען די סחורה ביי די ארבעט ביסטו געגאנגען אריין כאפן וויפיל דו האסט געקענט. וועט מען דען זאגן אז ס'פעלט איהם אין דביקות התורה אקעגן די כולל יונגערמאן?! ער האט מורא'דיגע דביקות התורה.

איך קום דא ח"ו נישט רעדן אויף א כולל יונגערמאן, איך קום דא נאר ווייזן אז ווען א איד ווייסט אז אפי' איך קען נישט לערנען, ווייס איך אז איך דארף לערנען זאל אפילו זיין בילדער פון הלכות שבת, אבער איך האב געלערנט! איך בין געווען דבוק אין חיי החיים! אין די תורה הקדושה, לפי מיין דרגא. א איד דארף אבער וויסן זיין דרגא. פארשטייט זיך מ'זאל זיך נישט נארן, יעדער איינער זאל וויסן זיין דרגא, איינער וואס האט יא כשרונות און ער קען לערנען בעסער, זאל זיכער לערנען וויפיל ער קען נאר. אבער אפילו א בעל כשרון און ער געפינט זיך ערגעץ און ער האט נאר א משניות מיט בילדער פון הלכות עירובין, און ער איז דורך געגאנגען א משניות מיט בילדער מיט א געשמאק, אשרי לו ואשרי חלקו, דאס רופט זיך דביקות בתורה.

### יעדע מינוט אויסנוצן פאר תורה

למאי נפקא מינה? לאמיר עס אראפ ברענגען למעשה, מעריך זיין יעדער מינוט פון לערנען אפילו פשוטע זאכן. יעצט איז נישט ת"ב און דו האסט געטראפן נאר א קונטרס פון הלכות תשעה באב, לערן דעם קונטרס, לערן עפעס, זיי מעריך די תורה, אזוי וועט ווערן 'אחוז במקצת אחוז בכולו' און דיין גאנצן לעבן גייט ארום די נקודה פון לערנען תורה.

# לאוהבי ולשומרי מצוותי

ביי די עשרת הדיברות ווייסן מיר 'אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענו' אזוי אויך איז באוואוסט דער יסוד אז אנכי און לא יהיה לך איז דער שורש פון כל התורה כולה פון אלע מצוות, 'אנכי' - אלע מצוות עשה, און 'לא יהיה לך' - אלע מצוות לא תעשה, אין די צוויי מצוות איז אלעס נכלל.

### אנכי - אהבה, לא יהיה לך - יראה

מ'דארף זיך אביסל מתבונן זיין. מ'גייט דאך הערן אנכי און לא יהיה לך, מ'גייט מקבל זיין דעם אנכי ולא יהיה לך, מקבל זיין די אלע תרי"ג מצוות, מצוות עשה, מצוות לא תעשה.

די יסוד ווייסן אלע אז ס'איז דא אזא זאך וואס ס'רופט זיך אהבה, אהבת ה' ואהבת את ה' אלקיך, און יראה, מורא האבן פארן אויבערשטן. מצוות עשה גיט ארויס אהבה, איך טוה וואס יענער האט מיר געבעטן, איך פאלג יענעם, איך וויל טוהן וואס יענער טוהט. א עשייה איז קרבה. מצוות לא תעשה איז א בחינה פון ריחוק, איך האב מורא, יראה. איך טוה נישט ווייל איך האב מורא פאר אים. ממילא אין דעם ליגט דער שורש פון אלע מצוות עשה, מצוות לא תעשה.

### והחיות רצוא ושוב - אהבה און יראה

למעשה, די גאנצע בריאה איז געבויעט פון אהבה ויראה, מיר וועלן ברענגען אפילו דוגמאות פון דעם חיי האדם. ס'דא א לשון אין פסוק 'והחיות רצוא ושוב' און מיר וועלן דאס זעהן אין דעם מענטש. מ'וועט נעמען דעם אטעמען: ער נעמט אריין לופט, ער נעמט ארויס לופט. די בלוט, די הארץ, גייט אהין און צוריק, ס'קלאפט נאכאנאנד. די זעלבע ביי רוחניות גייט אויך אהין און צוריק, אהבה מיט יראה, אהבה אליין קען נישט עקזעסטירן, יראה אליין אויך נישט, ס'קען נישט גיין איינער אליין. און ס'דא נאך פסוקים אז דער גיין אויף צוריק איז מבטא יראה.

און דאס איז א מורא'דיגע יסוד וואס מ'דארף וויסן - פארוואס שאקלט מען זיך ביים דאווענען? ביים לערנען? וואס איז דער שאקלען? וואס איז דאס אהער און אהין? נאר א מענטש ווען ער שאקלט זיך, דערנענטערט ער זיך איז עס א בחינה פון אהבה, ער דערנענטערט זיך צום אויבערשטן, ווען ער גייט אויף צוריק איז שוין א בחינה פון יראה.

ס'שטייט טאקע אז ווען מ'הערט קריאת התורה אדער א איד איז עולה לתורה זאל ער זיך שאקלען ווייל ס'איז א בחינה פון קבלת התורה. דער בעל הטורים ברענגט עס אראפ דארט אויפן פסוק 'וירא העם וינועו' פון זוהר הק' אז וועגן דעם שאקלט מען זיך ביים לערנען.

דער זוהר הקדוש זאגט אויף כי נר ה' נשמת אדם, אז אזוי ווי א נר, דער פייער פון נר שטייט נישט אויף איין פלאץ נאר ס'שאקלט זיך נאכאנאנד, די זעלבע זאך נשמות ישראל ווען זיי לערנען תורה ותפילה - שאקלען זיי זיך. און נישט ווי - להבדיל - די גוים וואס זענען ווי פארלאשן.

קומט אויס, אז אויב א איד וויל באקומען אנכי און לא יהיה לך דארף ער מעורר זיין אין זיך די אהבה מיט די יראה. צו מעורר זיין אהבה איז נישט אזא שווערע זאך, מ'איז זיך מתבונן, אהבה רבה אהבתנו, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן אזא מתן תורה פון גרויס אהבה, ליבשאפט. אזוי אויך די אלע גוטע השפעות וואס דער אויבערשטער גיט אונז.

### צוויי מדריגות אין יראה

די שאלה איז נאר ווי אזוי איז מען זיך מתבונן קונה זיין די יראה. אין יראה איז דא דרגות: יראת העונש, און יראת הרוממות - פון קרבה. - למעשה, דער אויבערשטער זאל אונז העלפן און מ'וועט זוכה זיין הערן קריאת התורה שבועות, הייבט זיך עס אן 'אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים'. שפעטער 'לא יהיה לך אלהים אחרים על פני' - די עבודה זרה, און דער פסוק איז ממשיך 'לא

תשתחוה להם ולא תעבדם כי אנכי ה' אלקיך קל קנא פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים לשנאי'. ס'דא עונש, און א מענטש דארף זיין קלאר, טאמער מ'פאלגט נישט באקומט מען א עונש, ס'נישט פשוט. אבער ס'איז דא אסאך א גרעסערע מדריגה, א מדריגה וואס א מענטש שפירט 'איך האב אזוי ליב דעם אויבערשטן אז איך וויל אים נישט מצער זיין', 'איך וויל נישט צוברעגנען חס ושלום מאכן א הפך זיין רצון'. ס'איז א גרעסערע מדריגה, אבער ס'הייבט זיך אן קודם מיט יראת העונש. מ'קען נישט צוקומען צו יראת הרוממות אן יראת העונש. - און דער פסוק איז טאקע ממשיך, 'ועושה חסד לאלפים לאוהבי ולשומרי מצותי', ווי קומט עס דא אריין ביי נישט מאכן קיין עבודה זרה? נאר ווען די תורה רעדט פון עונש, לייגט מען צו, זאלסט וויסן, ס'איז אויך דא 'לאוהבי' - צוקומען צו א מצב פון נישט דינען עבודה זרה מכח אהבה, הייסט דאס אז ס'דא ביי לא תעשה יראת העונש אבער ס'איז אויך פארהאן יראת הרוממות, פון אזא אהבה אז איך וויל אים נישט מצער זיין.

### *יראה פון פארלירן די אהבה*

ס'ידוע די מעשה פון איינע פון די קרלינ'ער רבי'ס - דאכט זיך מיר דער ינוקא - וואס האט זיך געפירט מיט זיינע חסידים מיט זייער א שטארקע נקודת אהבה, ס'איז געווען א מורא'דיגע אהבה צווישן דער רבי מיט די חסידים, עד כדי כך אז ער האט זיך אמאל אנגערופן צו א חסיד, דו האסט מורא פאר מיר? יענער חסיד האט זיך אביסל פארלוירן, ער האט נישט געקענט זאגן ניין, פאר זיין רבי, אבער מצד שני איז דאך געווען אזא אהבה אז ער האט אויכעט נישט געקענט זאגן יא. האט דער חסיד געענטפערט איך האב מורא אז איך וועל פארלירן די אהבה צווישן אונז. האט דער רבי געזאגט: דאס הייסט יראת שמים, דאס איז די אמת'ע מדריגה וואס א איד דארף צוקומען, ער דארף האבן אזא אהבה צום אויבערשטן אז ער זאל מורא האבן צו פארלירן די אהבה וואס איז דא צווישן אים מיטן אויבערשטן.

### *שבועות - מעורר זיין אין זיך אהבה מיט ביידע יראה'ס*

ממילא, דארף מען וויסן, ווען מ'הערט קריאת התורה 'אנכי' און 'לא יהיה לך', דארף מען מקבל זיין דער חלק 'ואהבת' - מצוות עשה, און די לא תעשה - סיי דער חלק פון יראת העונש, לא תעשה קומט פון יראה, אבער דערגרייכן צו 'לאוהבי ולשומרי מצותי'. היטן די מצוות, דורך 'לאוהבי', דורך אהבה, אז סיי די מצוות עשה זאלן קומען דורך אהבה ווי פארשטייט זיך און סיי די לא תעשה ווי געזאגט. - למעשה דא שטייט 'לאוהבי ולשומרי מצוותי' מצוה - איז א לשון פון א מצות עשה, שומר - מיינט ער גיט אכטונג צו נישט מאכן די פעולה. דאס הייסט א שומר אכטונג צו געבן נישט טוהן, פאסט דא סיי 'לשומרי' - פאר א ל"ת פון לא יהיה לך, און סיי 'מצוותי' - אויף מצוות עשה. ביידע זאלן קומען דורך א נקודת אהבה. און דאס דארף מען דעם שבועות מקבל זיין בשמחה, און דעם גאנצן יאר לעבן אין אהבה ויראה נאכאנאנד.

# יום חתונתו זו מתן תורה

יום חתונתו - זו מתן תורה זאגן אונז חז"ל. שבועות איז א בחינה פון יום חתונתו. מ'זאגט תואר כלה מאוד נתעלה, די אידן זענען כביכול א כלה פאר די תורה פארן אויבערשטן.

### *די כלה איז מגלה דעם כח פון דעם חתן*

כדי דאס פשוט און געשמאק פארשטיין, און עס ארויס האבן, וועלן מיר נעמען וויאזוי א אידישע שטוב בויעט זיך, א חתן מיט א כלה, די מציאות איז די כלה האט חתונה צום חתן, זי באקומט די פאמיליע נאמען פון דעם מאן, זי איז מגלה דער כח פון דעם מאן מיט דעם וואס זי ברענגט קינדער און זי האדעוועט זיי, זי בויעט א גאנצע פאמיליע אויף דעם נאמען פון איר מאן, תורה'דיג געהערן די קינדער צו דעם שבט פון דעם מאן. קומט אויס אז נאך די חתונה, זי גייט ארויס פון די שטוב פון אירע עלטערן, זי געהערט צום מאן און זי איז מגלה דעם כח פון איר מאן און זי ברענגט אראפ א פאמיליע אויפן נאמען פון דעם מאן.

די זעלבע זאך אונז אידן זענען א כלה פארן אויבערשטן, וואס הייסט? דער אויבערשטער גיבט אונז די תורה, און ווען אונז זענען מקיים די תורה ומצוות זענען אונז מגלה דעם אויבערשטן. און איך וועל עס מסביר זיין, ווען א מלך מאכט חוקים אין א מדינה, מאכט ער אז מ'זאל זיך פירן ווי ס'דארף צו זיין, אבער נישט מ'איז מגלה זיין כבוד, ס'איז דברים שבין אדם לחבירו. לעומת דעם, רוב מצוות פון די תורה איז חוקים וואס ס'האט נישט אלעמאל א הבנה, גיין ציצית האט נישט א הבנה, ס'דא טעמי התורה, תפילין, מזוזה א.א.וו. רוב מצוות איז זאכן וואס דאס נארצו מגלה זיין דעם כח פון אונזער חתן דאס איז די תורה, דער אויבערשטער.

### *קדשנו במצוותיו - מקודשת*

פארשטייט מען שוין פארוואס פאסט דער לשון ביי מתן תורה, א חתן מיט א כלה, ווייל די כלה איז מגלה דעם מאן, זי איז מגלה דער כח פון דעם מאן. אונז כלל ישראל זענען מגלה דעם כח פון אויבערשטן, ממילא פאסט 'אשר קדשנו במצוותיו וצונו', קידשנו - איז טייטש אזוי ווי קידושין, קידושין הייסט מ'איז אפגעזונדערט פון אלעמען און מ'איז מיוחד פארן מאן, און זי גייט יעצט מגלה זיין און אראפ ברענגען די כוחות פון דעם מאן און עס פארברייטערן, אונז כלל ישראל 'אשר קידשנו במצוותיו' - אונז זענען מגלה דעם אויבערשטן אויף די וועלט מיט די מצוות. דאס הייסט, אונז ווערן אפגעזונדערט פון די גאס, איך גיי ציצית און א גוי גייט נישט ציצית, און ווען איך גיי די ציצית בין איך מגלה דעם אויבערשטן, און איך ווער אפגעזונדערט פון זיי. טאקע ס'איז דא אסאך מצוות שכליות ווי צוםביישפיל כיבוד אב ואם, הכרת הטוב א.ד.ג. אבער די אנדערע מצוות זענען מגלה אז אלעס וואס אונז טוהען איז א בחינה פון א כלה פאר א חתן ווייל דורך זיי איז מען מגלה דעם אויבערשטן אויף די וועלט.

### *כ"ד תכשיטי כלה*

מ'האט שוין געהאט דערמאנט וואס הייסט דאס תכשיטי כלה, אז אונז זאגן שבועות ביינאכט כ"ד ספרים טוהט מען אהן תכשיטים, אז מ'וועט אנטוהן תכשיטים אויף א דומם איז דאס גארנישט, אבער אז מ'טוהט עס אהן אויף א מענטש, מיינט עס צו זאגן אז דו ביסט מגלה אז אונטער די תכשיטים איז דא א מענטש וואס איז ראוי צו די תכשיטים, און דער חתן וועט איר זעהן מיט די תכשיטים. די זעלבע זאך אונז טוהן זיך אהן שבועות ביינאכט מיט כ"ד תכשיטים, כדי אונז זאלן באמת זאגן פארן חתן - פארן אויבערשטן אונז זענען ראוי, אונז ווארטן צו קענען מגלה זיין דעם כח פון דעם אויבערשטער אויף די וועלט דורך זיינע מצוות.

### *שוועריגקייטן - א סימן אויף א ריכטיגע חתונה*

און נאך א נקודה איז דא וואס רופט זיך שוועריגקייטן. ס'דא אידן וואס ווייסן אז צו דינען דעם אויבערשטן איז שווער, ס'גייט נישט, 'גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה'. - ווען דער אויבערשטער העלפט און מ'הייבט אהן בויען א אידישע שטוב איז דא שוועריגקייטן, ס'גייט נישט גרינג, און אסאך מאל זענען די שוועריגקייטן גאר א סימן אז מ'הייבט זיך אהן באמת מתקדם זיין אין בויען א שטוב. ווען א שטוב בויעט זיך און ס'נישט דא קיין שוועריגקייט, וואס וועט זיין מיט א דירה, א.א.וו. איז א סימן אז מ'האט נאך נישט געהעריג חתונה געהאט, אז ס'באדערט נישט די זאכן פעלט אין די חתונה. די אלע פראבלעמען איז אסאך מאל מגלה אז מ'האט באמת חתונה געהאט און ס'ווארט דא א שיינע עתיד פון דינען די משפחה פון דער מאן.

די זעלבע זאך א איד ווען ער זעהט נאך מתן תורה א חודש צוויי ס'גייט נישט אזוי גרינג, למשל איינער פון די יסודות וואס מ'דארף רעדן אויף דעם איז שמירת עינים, - נאך א מתן תורה קומט א ליכטיגן זומער - א מענטש מוטשעט זיך, אבער אזוי ווי דער בעל התניא זאגט ער דארף זיך פרייען: אה! דער אויבערשטער האט מיר יעצט מזמין געווען זיך מתגבר זיין. אז ס'ווערט שוועריגקייטן איז א סימן אז ב"ה ער האט יא חתונה געהאט מיט די תורה. יעדע שוועריגקייט וויזט אז אה! דאס איז די אמת'ע סימן אזוי ווי די ספרים זאגן אויף 'ותרא כי מתאמצת ללכת', די זעלבע זאך אונז דארפן וויסן אונז האבן א זכיה, ס'דא א חתונה אונז זענען די כלה, און וואס מען נעמט מען זיך אונטער? אז מיר גייען מגלה זיין דעם באשעפער'ס כח אויף די וועלט. דער אויבערשטער זאל העלפן אונז מיר זאלן טאקע זוכה זיין דאס מקיים צו זיין.

# לערנען פארן באשעפער

זיך גרייטנדיג צום הייליגן יו"ט שבועות ווערט געפרעגט א פשוט'ע שאלה: שוין יארן וואס מ'באקומט די תורה, קבלת התורה, שוין יארן וואס מיר פראווען דעם יו"ט שבועות, איך בין שוין צוגעוואוינט צו דעם. שוין אין חיידר, אין ישיבה און אין כולל האבן מיר געהערט געגנוג שמועסן אויף תורה. מ'איז שוין זאט, מיר ווייסן שוין די אלע זאכן. וואס קען מען עפעס מחדד זיין אונז זאלן באקומען אהבת תורה. - מיר זעהן אין די גמרא: ארבעה דברים צריכין חיזוק בכל יום תורה תפילה וכו', איז טאמער ס'איז צריכין חיזוק בכל יום איז זיכער דא א חיזוק לכל יום.

### א עצה אויף מתיקות התורה

וועלן מיר פראבירן גיבן א געשמאקע גדאנק - וואס ס'האט שוין ב"ה פאר אסאך אידן געהאלפן צו באקומען א געשמאק אין תורה - אפילו ווער ס'האט נישט צו צולייגן שעות, ווי למשל איינער וואס ער האט זיין דף הקהילה צו ער לערנט דף היומי, אדער אפילו איינער וואס ער לערנט אין כולל, ס'דא גענוג מענטשן וואס לערנען אין כולל א גאנצן טאג, און דער גדאנק האט זיי אנדערש געמאכט דעם גאנצן טאג אין כולל. א ודאי און א ודאי איינער וואס ער לערנט ער איז א קובע עיתים לתורה קען עס זייער זייער משנה זיין און געשמאקער מאכן די נקודה פון תורה.

לאמיר גיין צום שורש, אונז ווייסן דאך אז ווען א מענטש ווייסט נישט דעם ערך פון א זאך איז ער ווייניגער מחובר צו די זאך. א מענטש ווייסט נישט א טעם פון א מצוה פעלט אים חיבור. א מענטש ווי מער ער האט די אלע מושגים, די אלע קאלירן, די אלע נקודות ארום די מצוה - איז ער מחובר בעסער צו די מצוה. להבדיל אלף אלפי אלפים די זעלבע זאך אין ביזנעס, איז דא איינער וואס זיין תפקיד איז אנפירן אלע פרטים פון די ארבעטער'ס אין א פאבריק, ער ווייסט שוין מער פרטים ווי אזוי די מאשינען ארבעטן. און ס'דא דער בעל הבית - דער משקיע, ער האט ארויס יעדער שטיקעלע און יעדער שרויף אין דעם פאבריק, א.א.וו. - ווי מער מ'פארשטייט איז מען מער מחובר.

איינע פון די סיבות וואס אונז זענען צוגעוואוינט אין סדר הלימוד פון חיידר, ישיבה קטנה, ישיבה גדולה, און די וואס האבן זוכה געווען ברוך ה' אין כולל, ס'האט א סיסטעם. - מ'וועט עס אנרופן מיט א גוטן נאמען 'קנאת סופרים תרבה חכמה' - אלע פארהערן זיך משניות, פארהערט ער זיך אויכעט. סוף וואך וועט מען פארהערן דארף ער קענען דעם כמות. אבער, מ'דארף אמאל פארמאכן דעם סידור פון אמאל, א מענטש קען 70 יאר דאווענען אין א סידור פון כתה ג', ווייל ער האט קיינמאל נישט פארמאכט דעם אלטן סידור פון אנגעהויבן לערנען סידור, די זעלבע זאך דארף מען אויכעט אמאל פארמאכן דעם סדר הלימוד פון אמאל, און אפשר אריינקוקן אין נאך א נקודה.

### פינעף מינוט תורה נאר פארן באשעפער

יונגעלייט פרעגן גיב מיר א עצה אויף געשמאק אין תורה, זאג איך זיי: ווייסט וואס איז תורה, ווען א איד לערנט תורה האט ער א נקודת דביקות אין אויבערשטן אבער וויבאלד ער איז צוגעוואוינט צו צוזעגן דער חק, דף היומי, דף הקהילה, און אין כולל זיך צוגרייטן צו בחינות און איין בחינה טרייבט די צווייטע, קומט אויס אז קיינמאל שטעלט מען זיך נישט אוועק צו לערנען פינעף מינוט פארן אויבערשטן אליין. - צום ביישפיל ווען א איד געפינט זיך אין א תור ביים ד"ר צו וואו דאס איז, ס'האט אים זיך אויסגעשטעלט, ער שטייט אין א פלאץ און ער האט נישט קיין אנדער ספר, נאר א פארקעטער ספר, א משניות יבמות, א ספר וואס איז נישט הלכה למעשה, א גאנצער ליקוט פון הלכות ועשית מעקה לגגך. ס'קוקט אים נישט אויס אז ער וועט נאך אמאל מאכן אין זיין לעבן א מעקה, און קיינער וועט אים נישט פרעגן אפילו א שאלה אין הלכות מעקה. און ער שפירט ער קען נישט עפענען דעם ספר, ס'אינטערעסירט אים נישט, ס'וועט אים נישט נוגע זיין קיינמאל, ס'האט נישט קיין שייכות צו אים.

### טעמו וראו פארזוך נאר

אבער ווען א מענטש וואלט זיך צוגעוואוינט - און ב"ה איך האב שוין אסאך מענטשן צוגעוואוינט אויף א תקופה, ס'דא מענטשן וואס מאכן עס יעדן טאג עד היום הזה - יעדן אינדערפרי צו גיין צום שאפע און - ווי מ'רופט עס 'מיט פארמאכטע אויגן' - נעמט ארויס א ספר, און עפנט דעם ספר וואו ס'עפנט זיך נאר, און ער הויבט אן לערנען פינעף מינוט א שטיקל וואס ער זעהט ס'איז א אנהויב פון א שטיקל. יעצט לערן איך פארן אויבערשטן תורת ה'. מ'וועט עס רופן 'ביני לבין קוני'. נישט קיין ראש כולל, מ'וועט מיר נישט פרעגן אין דעם נושא, און איך וועל מארגן נישט ווייסן וואס איך האב היינט געלערנט. יעדן טאג פאלט אריין א צווייטער ספר, אבער איך האב געלערנט 5 מינוט פארן אויבערשטער. - דא באקומט מען א נקודה אין מתיקות התורה, ווייל מ'הייבט אן כאפן אז תורה איז נישט נאר מיט מיינע חשבונות, איך לערן תורה פארן אויבערשטן. - א מענטש מאכט עס איין טאג, און נאך א טאג וועט אויסקומען אז א גאנצן טאג ווען ער וועט לערנען די הייליגע תורה, אפילו ס'וועט אים נישט קלאפן, אמאל אינטערעסירט אים עס נישט, ער איז יעצט זייער שלעפעריג, ער איז נישט ביי די זאך. אלע הפרעות ארום און ארום וועט אים אבער נישט אראפ נעמען די מתיקות ווייל אויף יעדן פאל טראכט ער זיך: אעפ"כ איך לערן יעצט תורה.

א כולל יונגערמאן למשל וואס ער זעהט ער וועט שוין די בחינה נישט קענען, ער האט א סיבה און מ'וועט אים אפילו נישט אראפ רעכענען געלט ווייל ער האט געהאט א קינד דעם חודש, נו איז נישט סוף חודש דארף איך שוין נישט לערנען, איך לערן דאך תורה! וואס הייסט, כאפ אריין. ס'ווערט איבערגעדרייט דעם גאנצן טאג, דער גאנצער לערנען באקומט א נייער מהות, א נייע געשמאק.

איך האב געהאט אמאל א מעשה ביי מיר אין שטוב. ס'איז איינגעשטאנען ביי מיר זייער א דערהויבענער איד פון חו"ל. דער עילת העילות וסיבת הסיבות האט צוגעברענגט ער איז געווען ביי מיר יו"כ ביינאכט. און מ'איז אריין אין די נושא פון מתיקות התורה. און דער איד אליין האט מיר מודה געווען - א איד וואס קען לערנען, דער האט שוין געענדיגט אפאר מאל ש"ס, א איד וואס איז מלא וגדוש אין תורה און יר"ש, א באוואוסטער חשוב'ער איד - זאגט ער מיר, דוד, דו האסט רעכט. ווען מ'האט נישט ארויס די פינטל וואס דאס רופט זיך אפאר מינוט לערנען תורה ווי געשמאק דאס איז, ווי מורא'דיג דאס איז, פעלט דער עיקר פון מתיקות התורה.

### 'לעולם' ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע

ס'ידוע די מעשה פון הרב בענגיס וואס האט אמאל געמאכט א סיום הש"ס, ער האט געענדיגט 100 מאל ש"ס. געמאכט א גרויסער סיום. ס'נישט אריבער קיין 2 יאר האט ער געמאכט א מורא'דיגער סיום, וואס ירושלים האט געדרודערט. מ'האט אים געפרעגט 'וואס האט פאסירט'? וואס איז דער סיום הש"ס עפעס מער ווי אלע 100 מאל ענדיגן ש"ס? האט ער געזאגט דער סיום הש"ס איז מיין חשוב'סטע סיום וואס איך האב. דאס האב איך געמאכט פון מינוטן וואס איך האב געווארט אויף א ברית, אויף א חופה, פון די צייטן האב איך צוזאמגענומען די מינוטן און ברוך ה' געענדיגט ש"ס. און מצד אחד זעהט מען אז ער האט געהאט א מסגרת, ער האט געענדיגט ש"ס און זיין מטרה איז געווען צו ענדיגן ש"ס. אבער מ'זעהט אויכעט פונקט א פארקערטע נקודה: וואס דאס הייסט פינעווער מינוטן. ער וואלט געקענט אויכעט אנפילן די פינעווער מינוטן, אן צו האבן א מסכתא צו ענדיגן דורך דעם ש"ס וואלט ער אבער נישט גע'בטל'ט. נאר ער איז געווען אזא גרויסער גאון ת"ח וואס ער האט געקענט ש"ס אויף אויסנווייניג אז ער האט געקענט האבן א סדר ש"ס, סדר ללא סדר.

### תורה תבלין

איך וויל אבער דער עיקר ברענגען פון דארטן 'בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין'. כדי די תורה זאל זיין א תבלין דארף עס זיין א תורה לשם תורה. טאמער די תורה איז שוין מיט מיין חשבון אויכעט, איז ווען ס'איז נישטא מיין חשבון ווערט דאך בטל דער זאך, בטל די אהבה. ס'דארף זיין א נקודת אהבה שאינה תלויה בדבר. דעמאלטס איז דער תבלין א תבלין ביזן סוף. ווען א מענטש האט יעצט א יצר הרע און ער קען נישט לערנען תורה פון זיין מסגרת, ער האט נישט קיין שום ספר - קען ער נישט ניצן דעם תורה תבלין. אבער ווען א מענטש כאפט אז 5 מינוט תורה נישט קיין נפק"מ וועלכע דאס איז,דאס הייסט דביקות, ער האט 24 שעה א תבלין, דער תבלין באגלייט אים אין אלע מצבים. דעמאלטס איז די תורה תבלין אסאך שטארקעמגין..

ממילא קען מען עס פארשטיין לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע. און לכאורה וואס הייסט 'לעולם'? ווי קען ער יעדן מינוט? אבער אז דו האסט א תבלין פון פינעווער מינוטן - קענסטו יעדן מינוט גיין אין מלחמה אריין. יעדער מינוט קענסטו האבן דביקות בתורה. נישט קיין חילוק וועלכע חלק אין תורה, אמאל ס'איז א חסיד'יש ספר אמאל איז דאס א מוסר ספר, תורה שבשם תורה יקרא. יעדער שטיקאלע תורה וועט דיר קענען נאכאנאנד באגלייטן און דיר געבן כוחות צו האלטן מלחמה מיטן גאנצן קראפט. ווייל דו ביסט מעריך יעדער מינוט דביקות וואס רופט זיך חלק התורה.

### *שיביאני התלמוד לידי מידות טובות?*

דער הייליגער של"ה הקדוש שרייבט, אז פארן לערנען זאל מען זאגן: **הנני רוצה ללמוד כדי שיביאני התלמוד לידי מעשה, מידות טובות וידיעת התורה.** מעשה מיט ידיעת התורה פארשטייט מען, מעשה התורה - מקיים זיין די מצוות פון די תורה. ידיעת התורה - וויסן וואס ס'שטייט אין די תורה. אבער ווי קומט דא אריין מידות טובות? - נאר מיר טרעפן אידן וואס קענען לערנען כל התורה כולה, גרויסע תלמידי חכמים, אבער זיי מיט מידות טובות זענען זייער ווייט, זיי האבן כמעט נישט קיין שייכות בכלל צו מידות טובות. און די גרויסע פראגע איז: פארוואס האט די תורה זיי נישט אויסגעאיידלט? - נאר אונז וייסן א יסוד אז תורה קען זיין סם החיים און ח"ו סם המוות. כל זמן די תורה וואס א מענטש לערנט איז קיינמאל נישט כדי צו צוקומען צו תורה לשמה, צום אויבערשטן. אלעמאל וועט עס זיין גערעכנט כדי צו האבן א בחינה, כדי צו אנקומען צו עפעס, אלעמאל איז דאס תלוי אויכעט מיטן מענטשן, איך דין דעם אויבערשטן בשיתוף מיט מיר, וועל איך נישט צוקומען צו א איידלקייט.

אבער ווען א מענטש לערנט 5 מינוט תורה לשם תורה, איז דער טייטש איך בין זיך מבטל, איך האב א מורא'דיגע הכנעה פארן אויבערשטן, איך נעם אוועק מיינע אלע פניות און איך לערן יעצט תורה אן פניות. איך לערן תורה פארן אויבערשטן. אויב דו בייגסט זיך אראפ? וועסטו צוקומען צו מידות טובות. כל זמן דו וועסט לערן תורה און דו האסט נישט די מטרה צו צוקומען מיט די תורה צו צוקומען צו לשמה, טאמער וויל ער קיינמאל נישט צוקומען צו לשמה וועט ער טאקע קיינמאל נישט דערגרייכן דעם לשמה. למעשה איז דא אין דעם א אריכות וואס הייסט 'לעולם ילמד אדם תורה לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה'. ס'איז דא דער 'שמתוך', ווי ס'ווערט געברענגט אין ספה"ק אז די מטרה פון שלא לשמה איז אז ער זאל צוקומען דורך דעם צו לשמה. אבער דער יסוד איז קלאר אז טאמער א מענטש וויל נישט דעם לשמה וועט ער קיינמאל טאקע נישט צוקומען.

- און וואס איז לשמה? קענען לערנען פינעווער מינוטן אן מיינע חשבונות. א מענטש כאפט אריין די פינעווער מינוטן, וואס דעמאלטס לערנט ער באמת פארן אויבערשטן, ווערט ער אינגאנצן מחובר צו א נייע סארט מושג אין תורה. דער מושג פון סם החיים און נישט סם המוות. טאמער וועט ער בלייבן אלעמאל נאר מיט די תורה וואס ווערט געלערנט פארן מענטש אליין איז דאס מוות.

אויב אזוי איז נישט קיין פלא. א ודאי זאגט דער של"ה הק' 'לידי מידות טובות', ווען איך וועל לערנען מיט א הכנעה, נישט נאר פאר מיינע חשבונות נאר פארן אויבערשטן, וועל איך דורך די הכנעה אנקומען צו אלע מידות טובות.

### *פינעף מינוט א איבערצייגונג*

צום ביישפיל, א יונגערמאן וואס ער לערנט אין א כולל, מ'ענדיגט דעם כולל איינס א זייגער. זיין בני-בית האט אים געזאגט אז א פערטל נאך איינס זאל ער זיין אין א געשעפט. ס'איז געבליבן 10 מינוט. ער קען פארמאכן דעם ספר און ער קען בלייבן 10 מינוט לערנען. די 10 מינוט וואס ער בלייבט לערנען - געלט באקומט ער שוין נישט, זיין חברותא איז שוין אוך נישטא, דער עולם איז זיך שוין צוגעגאנגען - יעצט לערן 10 מינוט פארן אויבערשטן. מ'קען לערנען דעם לימוד פון כולל. ס'איז א נייע 10 מינוט. און די 10 מינוט איז מוכיח אויף די גאנצע תורה פון דעם איד פון אלע יארן אז ער קען לערנען תורה פארן באשעפער.

און די דוגמאות זענען אֵין-סוף וואס א מענטש קען דורכן טאג האבן די פינעווער מינוטן. למשל, ער געקומען צו מנחה ס'איז דא 5 מינוט. ער האט נישט קיין שום ספר. ער עפנט דעם סידור ס'דא דארטן פרקי אבות, ס'דא די פרשת השבוע ביים ענדע ביז שני, ער קען דאס אויכעט לערנען. וואס האט ער געלערנט? פרשת נח ביז שני, אבער ער האט געלערנט תורת ה'. נאך מער, תנ"ך נאר מיטן זאגן אפילו מ'פארשטייט נישט איז מען מקיים די מצוה פון לימוד התורה, תורה שבע"פ דארף מען יא פארשטיין וואס מ'לערנט, אזוי ווי ס'איז מבואר אין שו"ע, אבער ס'איז א דביקות. איך האב געמאכט הכנה צום דאווענען, וואס איז? איך האב געזאגט פון ראשון ביז שני אין פרשת בהעלותך. אה, איך בין צוגעקומען צו א נקודה פון דביקות. איך ווייס וואס הייסט תורה. ממילא איז עס תורה תבלין און ס'ברענגט צו מידות טובות.

איך וויל זאגן א מליצה, א גרויסער חלק פון זאגן תיקון ליל שבועות איז געבויעט אויף דעם רעיון פון 5 מינוטן. א אנהייב פון א פרשה און א סוף פון א פרשה, וואס א מענטש קען טראכטן ביי זיך, וואס וועל איך ארויסנעמען פון די גאנצע חומש? פון א אנהויב און סוף פון פרשה? מ'זאגט. דאס וואס מ'וויל אונז לערנען מיטן תיקון ליל שבועות האסט יא געענדיגט, נישט געענדיגט, האסט אבער געלערנט.

### *קענען עפענען יעדער ספר אויף פינעף מינוט*

וואס נעמען אונז ארויס פון דעם למעשה. א שטארקן יסוד. א מענטש דארף ארבעטן אויף זיך צו קענען עפענען א ספר לערנען 5 מינוט פארן אויבערשטן. פשוט עוסק זיין אין תורה. ווען א מענטש וואלט געקענט כאפן, יא איך בין מחובר צו תורה איך האב א שייכות צו תורה, באקומט ער א מתיקות אין תורה.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן אונז זאלן עס טאקע מאכן, און ב"ה איך מאך עס אויכעט, און איך שעם זיך נישט צו זאגן - אמאל מענטשן פרעגן מיר דו דארפסט נאך צוקומען צו דעם - חז"ל זאגן אז תורה צריכה חיזוק בכל יום איז דאס כולל אויכעט דוד אייזנבאך, איך האב אויכעט די פראבלעמען. איך דארף נישט לייען קיין יצר הרע ביי קיינעם. איך קען זאגן אסאך דרשות, דער יצה"ר אנטלויפט נישט וועגן דעם. ס'איז א סגולה בדוק ומנוסה, און נאך די סגולה איז מען נאך אויך נישט פטור פון יצה"ר. דער יצה"ר קומט, אבער ס'העלפט אסאך, ס'ווערט א תורה תבלין, א תבלין וואס העלפט דעם מענטשן זיך קענען מתמודד זיין און בעז"ה באקומען א זיסקייט והערב נא, זוכה זיין טאקע צו עריבות התורה.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'


כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

טל': 053-415-9162



**א פריילִיכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1